# שמע קולינו פייערט 10׳טען יארטאג ביי לעגיסלאטיווען פרישטאג

דינסטאג צופרי, פ׳ דברים, האט ״שמע קולינו״ אפגעהאלטן דעם יערליכן ״לעגיסלאטיווען פרישטאג״ אין דעם רענעסאנס זאל אין די בארא פארק געגענט פון ברוקלין. א הויפט ציל איז געווען צו לערנען די געזעצגעבער איבער דעם דרינגענדן נויט פון זארגן פאר קינדער מיט ״אוטיזם״, וואס ״שמע קולינו״ איז א שולע און צענטער פאר די סארט קינדער, ווי אויך ווי נויטיג ס׳איז דאס צו פארשן, און פארגרעסערן שטיצע און איבערשמועסן געדאנקען ווי אזוי מ׳קען ארבעטן צו באקעמפן אוטיזם דורך ווירקזאמע פובליק פאליסי און געזעצן.

אויך זענען אנוועזענד געווען רעליגיעזע און קאמיוניטי פירער, עסקנים, פילאנטראפן און ווי פארשטענדליך די ערוויילטער פאליטישאנס, צו באעהרן עטליכע אויסגעצייכנטע רעגירונג פערזענליכקייטן און קאמיוניטי פירער פאר זייער איבערגעגעבנקייט ביים שטיצן די מיסיע פון ״שמע קולינו״.

מנחם לובינסקי, דער דינאמישער פרעזידענט און הויפט באאמטער פון לוביקאם מארקעטינג קאנסאלטינג, האט אנגעפירט דעם פראגראם פון דעם פרישטאג. ער האט געלויבט די 10 יאר וואס ״שמע קולינו״ עקזיסטירט שוין, און האט געגעבן קרעדיט פאר דעם ווייטן בליק וואס ר׳ יושע וויינשטיין האט געהאט, ווען ער האט געעפענט די טירן פון ״שמע קולינו״ פאר בלויז 3 קינדער.

ר׳ יושע וויינשטיין האט געבעטן יעדן צו געבן דאנק פאר די געוואלדיגע ערגרייכונגען ביז איצט. ער האט באגריסט די קינדער, עלטערן און שטאב פון ״שמע קולינו״, אנמערקענדיג אז יעדער וואס האט באזוכט דעם צענטער קען עדות זאגן אז ״שמע קולינו״ איז א סוקסעס אלס רעזולטאט פון די שווערע ארבעט און איבערגעגעבנקייט פון די לערער און שטאב. מר. וויינשטיין האט אויסגעפירט מיט באדאנקען די פארזאמלטע פאר׳ן אנשליסן זיך אין די פארפליכטונג צו געבן פאר די דאזיגע קינדער די באהאנדלונג אין וואס זיי נויטיגן זיך.

ס׳איז געווען אן עהרע אז די ניו יארקער סענאטארן טשארלס שומער און הילערי קלינטאן האבן איינגעשטימט צו דינען אלס עהרן פארזיצער פונעם פרישטאג. די גריסטידיס פירמע האט גוטהארציג געדעקט די קאסטן פונעם פרישטאג, און דזשאן קעטסימאטידיס, פארזיצער און הויפט באאמטער פון רעד עפעל גרופע, האט געדינט אלס פרישטאג פארזיצער. אין זיינע באמערקונגען האט ער ארויסגעברענגט אז די ארבעט פון ״שמע קולינו״ איז איבער די קינדער, און וואס מיר קענען טאן צו העלפן.

ער האט באשטעטיגט אז ווען מ׳באזוכט די שולעס ״עפענט עס אייער הארץ״ און ווייזט וואס מיר מוזן טאן ווען אימער מיר קענען מיט עפעס העלפן די קינדער.

נאזלי פארוויזי, קאמישאנער פון מעיאר׳ס קאמיוניטי עפעירס אפטיילונג, האט איבערגעגעבן די באגריסונגען פון מעיאר מייקל בלומבערג, וועלכער האט גראטולירט ״שמע קולינו״ פאר זייערע ערשטע 10 יאר הצלחה און האט אויסגעלויבט זייערע אויסטערלישע גוטע ארבעט.

קאונסילמאן שמחה פעלדער האט באגריסט ״שמע קולינו״ אלס די אומבאקאנטע העלדן פון אונזער קאמיוניטי, און האט איבערגעגעבן די ״שמע קולינו״ הכרת הטוב אויסצייכענונג פאר ברוס רודאלף, דער דירעקטאר פון די שטאטישע בוי דעפארטמענט. ער האט געלויבט מר. רודאלפ׳ס אויפריכטיגקייט, באטאנענדיג אז אזא ריינער פערזאן פארדינט אן אויסצייכענונג פון אזא ריינע ארגאניזאציע.

פיטער רעבענווארצל, וויצע פרעזידענט פון ״שמע קולינו״, האט אויסגעדריקט זיין דאנק צו יושע וויינשטיין פאר זיין פירערשאפט און פאר ארויפארבעטן ״שמע קולינו״. ער האט פארגעשטעלט ברוקלין בארא פרעזידענט מארטין מארקאוויטש, וועלכער באטאנט אז מ׳דארף צילן אויף אוטיזם ווי א נאציאנאלער ציל פאר פארשונגען.

ער האט געגעבן די קאמיוניטי אויסצייכענונג פאר ר׳ יצחק פליישער, דער קאמיוניטי ליעזאן פאר סטעיט סענאטאר דאיען סאווינא, וועלכער איז באגריסט געווארן פאר זיין דינסט צו די קאמיוניטי, ארויסברענגענדיג ווי ער פארדינט די אויסצייכענונג, ווייל ס׳איז נישטא קיין טייל פון בארא פארק וואס איז נישט בארירט געווארן דורך זיינע באמיאונגען.

מאלקאלם האומליין, עקזעקוטיוו וויצע פארזיצער און הויפט באאמטער פון די פרעזידענט קאנפערענץ פון גרויסע אמעריקאנער אידישע ארגאניזאציעס, האט געגעבן די לעגיסלאטיווע פירערשאפט אויסצייכענונג פאר ניו יארק סענאט דעמאקראטישן פירער מאלקאלם סמיט. מר. האומליין האט אויסגעלויבט סענאטאר סמיט, אז זינט ער איז באשטימט געווארן אלס דעמאקראטישער פירער אין ׳06, האט ער געמאכט א גרויסן אונטערשיד, קיינמאל נישט זיין צופרידן מיט וואס ס׳איז געווען, נאר שטענדיג אויפקומען מיט נייע איניציאטיוון. סענאטאר סמיט האט אנגענומען די אויסצייכענונג און האט אויסגעדריקט זיין דאנק פאר די געלעגענהייט צו דינען ניו יארק. ער האט אויך צוגעזאגט אז ״שמע קולינו״ וועט נישט ליידן קיין רעדוקציעס אין אירע סטעיט געלטער, און ער וועט דאס ווייטער שטיצן.

סטעיט סענאטאר מארטין גאלדען האט ארויסגעברענגט ווי אזוי ״שמע קולינו״ קען ברענגען רעזולטאטן פאר עלטערן איבער גאנץ ברוקלין, און ״שמע קולינו״ האט נישט קיין פארגלייך.

בראנקס בארא פרעזידענט אדאלפא קאריאן האט איבערגעגעבן ווי אזוי אונזער גרעסערער געזעלשאפט לייקנט די ברייטפארשפרייטע ווירקונג פון אוטיזם און ווי אזוי עס ווירקט אויף די פאמיליעס. ער האט באדאנקט ״שמע קולינו״ פאר זיין פירער און אנערקענען אוטיזם און אין צווינגען דורכצופירן געזעצן און בודזשעטן אין די ריכטיגע ריכטונג. ער האט איבערגעגעבן די לעגיסלאטיווע פירערשאפט אויסצייכענונג פאר קאונסילמאן ביל דיבלאזיא, וועלכער איז באעהרט געווארן פאר זיין איבערגעגעבענע קאמיוניטי דינסט.

ביים באקומען זיין אויסצייכענונג האט קאונסילמאן דיבלאזיא אויסגעלויבט יושע וויינשטיין פאר זיין פיאנירן ארבעט, וואס ווען ער האט עס אונטערגענומען איז עס נישט געווען לייכט אדער פאפולער, נאר ער איז געווען שטארק דערפאלגרייך.

אסעמבלימאן דוב הייקינד האט אויך גראטולירט ״שמע קולינו״ ווען ער האט איבערגעגעבן די סטעיט פירערשאפט אויסצייכענונג פאר נ.י. סטעיט קאנטראלער טאמאס פי. דינאפאלי, אנמערקענדיג אז נישט בלויז טוט ער אן אויסגעצייכנטע דזשאב אלס קאנטראלער, נאר ער טוט דאס פון זיין הארץ; אן ״עכטער מענטש״.

קאנטראלער דינאפאלי האט ביים איבערנעמען די אויסצייכענונג באשטעטיגט די היסטארישע ארבעט פון ״שמע קולינו״, און אויסגעדריקט האפענונג אז די פארשונג וועט אניאגן די אויסגעצייכנט דינסט וואס ״שמע קולינו״ שטעלט צו. ״מיר האבן נישט א רפואה, אבער צו דאנקען אז מיר האבן ״שמע קולינו״ ״.

ר׳ יושע וויינשטיין האט איבערגעגעבן דעם ״שמע קולינו״ דאנקבארשאפט אויסצייכענונג צו טשארלס אנטענוטשי, הויפט באאמטער און פרעזידענט פון די פארק עוו. באנק, פאר זיין ענדלאזע שטיצע פון קאמיוניטי איניציאטיוון, איבערהויפט פאר ״שמע קולינו״.




רעכטס צו לינקס: מייקל מילער, עקזעקוטיוו וויצע פרעזידענט און הויפט באאמטער פון דזשואיש קאמיטי רילעישאנס קאונסיל; דזשאן קעטסימאטידיס, פארזיצער און הויפט באאמטער, רעד עפעל גרופע; ר׳ מנחם לובינסקי, פרעזידענט און הויפט באאמטער פון לוביקאם מארקעטינג; מילטאן וויינשטאק, באורד מיטגליד שמע קולינו; ר׳ יצחק פליישער, פארטרעטער פון סטעיט סענאטאר דאיען סאווינא; קאונסילמאן און בארא פרעזידענט קאנדידאט ביל דיבלאזיא; בראנקס בארא פרעזידענט אדאלפא קאריאן; ר׳ יושע וויינשטיין, פרעזידענט שמע קולינו; פיטער רעבענווארצל, וויצע פרעזידענט שמע קולינו; אסעמבלימאן דוב הייקינד; ניו יארק סטעיט קאנטראלער טאם דינאפאלי; מאלקאלם האונליין, עקזעקוטיוו וויצע פארזיצער און הויפט באאמטער פון די פרעזידענט פון די קאנפערענץ פון גרויסע אמעריקאנער אידישע ארגאניזאציעס; סטעיט סענאט דעמאקראטישער פירער מאלקאלם סמיט; הרב עזרא פרידלאנדער, הויפט פון די ״פרידלאנדער גרופע״




פון רעכטס צו לינקס: הרב עזרא פרידלאנדער, הויפט פון די ״פרידלאנדער גרופע״; מר. וויינשטאק, באורד מעמבער ״שמע קולינו״; פיטער רעבענווארצל, וויצע פרעזידענט שמע קולינו; ר׳ יושע וויינשטיין, פרעזידענט שמע קולינו; טשארלס אנטאנוטשי, פרעזידענט פארק עוו. באנק; רעי בארסיע, בארא פארק ברענדזש מענעדזשער פארק עוו. באנק

״שמע קולינו״ באורד מיטגליד מילטאן וויינשטאק האט איבערגעגעבן דעם ״שמע קולינו״ אוטיזם פירערשאפט אויסצייכענונג פאר קאונסילמאן דעיוויד וועפרין, וועלכער איז דער פארזיצער פון די פינאנץ קאמיטע. קאונסילמאן וועפרין האט דורכגעפירט דעם אוטיזם איניציאטיווע, וואס שטעלט צו מיליאנען דאלארן פאר אוטיזם.

סימבאלישע טשעקס זענען איבערגעגעבן געווארן פאר ״שמע קולינו״ פון די סטעיט סענאטארן קעווין פארקער און דאיען סאווינא. ביידע סענאטארן האבן אויסגעדריקט זייער שטארקע שטיצע פאר ״שמע קולינו״, און זיך פארפליכטעט ווייטער צו שתדל׳ען פאר זיי.

״שמע קולינו״ איז געגרינדעט געווארן דורך ר׳ יושע וויינשטיין. עס האט זיך געעפענט אין ׳98, אין ברוקלין ניו יארק, אלס א נאן־פראפיט ארגאניזאציע געווידמעט צו פארבעסערן די לעבענס קוואליטעט פון קינדער מיט אוטיזם אין די 5 בארא פון ניו יארק. זיי שטעלן צו בילדונג און אנדערע סערוויסעס אין פעלד פון אוטיזם באהאנדלונג. סטאטיסטיקס באשטעטיגן אז אוטיזם איז געוואקסן אזוי ווי אן עפידעמיע. דרינגענדע אויסגאבן צו זארגן פאר די קינדער, און צו לערנען זיי, איז נישט צום אויסהאלטן. ״שמע קולינו״ האפט צו בויען באקאנטשאפט און שטיצע, צו ערמעגליכן פאר מער קינדער און פאמיליעס צו געניסן פון די שולעס ווערדפולע און נויטיגע סערוויסעס און פראגראמען.

דער צוזאמענקונפט איז קאארדינירט געווארן דורך די פרידלאנדער גרופע. פאר מער אינפארמעישאן www.shemakolainu.org.

# אמעריקאנער פאלק נוצט ווינציגער די קרעדיט קארדס

(פארזעצונג פון זייט 14)

האט 961.8 ביליאן דאלאר אפענע חובות וואס ״דרייט זיך״, אזוי ווי מ׳באצייכענט קרעדיט קארד חובות. דאס איז א דורכשניט פון $3,150 פער מענטש! די סומע איז געשטיגן ארום 58 פראצענט זינט ׳00.

די קרעדיט קארד פירמעס שפירן שוין א דרוק, ווען די קרעדיט פראבלעמען פון דעם האוזינג קריזיס דערגרייכט שוין אויך צו אנדערע סארט חובות, פאראורזאכענדיג מער ״דעלינקווענסיס״, און אפילו די רייכע לייט דארפן אויך איינציען. ביי 13 קרעדיט קארד ארויסגעבער וואס מ׳האט אויסגעפרעגט, האבן 9 געזאגט אז זיי האבן געשניטן זייערע באמיאונגען איינצושאפן זיך נייע קאסטומערס, און 8 האבן געשניטן די מאקסימום קרעדיט אויף זייערע קאסטומערס.

עטליכע בענק האבן אין זייערע פארדינסטן באריכטן פאר׳ן 2׳טן קווארטאל פון ׳08, באריכטעט קלענערע פארדינסטן פון די קרעדיט קארדס, און דער הויפט באאמטער פון אמעריקען עקספרעס, קענעט טשענאל, האט 2 וואכן צוריק באצייכענט דעם קרעדיט צושטאנד אין אמעריקע אלס ״אנטוישענד״, וואס דאס איז שוין זייער א דראסטישער אויסדרוק פון שוואכערע ביזנעס ביי אזא פירמע ווי אמעריקען עקספרעס, וועלכע ווערט גענוצט דורך די רייכערע עלעמענטן, און אויב ביי זיי איז שוין צרות, קען מען זיך פארשטעלן ווי אזוי דער מצב זעט אויס ביי די קלענערע קרעדיט קארד ארויסגעבער.

די פעדעראלע אינסטאנצן האלטן אן אויג אויפ׳ן קרעדיט קארד מצב, און ס׳איז אריינגעקומען איבער 41,000 באמערקונגען פון פאלק אויף די פארגעשלאגענע רעגולאציעס צו שטערן אומ׳יושר׳דיגע אדער פארפירערישע אויפפירונג ביי די קרעדיט קארדס, אזוי ווי צו הויכע ראטעס און אנדערע קאסטן. ווען פעדעראל רעזערוו פארזיצער בען בערנאנקי האט געמאלדן די פארגעשלאגענע נייע רעגולאציעס אין מאי, האט ער באטאנט, אז די וואס האבן א קרעדיט קארד, דארפן קענען בעסער פאראויסזאגן ווי אזוי זייערע באשלוסן און אויפפירונג וועט ווירקן אויף זייערע קרעדיט קארד קאסטן.

אויך זעט מען אז מער מענטשן נוצן איצט די קרעדיט קארדס פאר טאגטעגליכע אויסגאבן, אין רעאקציע צו די ריבעיטס וואס די קארד ארויסגעבער געבן פאר אלע סארט באנוצן, וואס איז געצילט צו ערמוטיגן אזא סארט באנוץ.

געוויסע בענק האבן אנגעהויבן אויסשטרעקן א האנט, צו העלפן מיט ראט די קליענטן וועלכע זעען אויס ווי זיי גליטשן זיך אריין אין קרעדיט פראבלעמען. וועלס פארגא שטעלט זיך אין פארבינדונג אפילו מיט קאסטומערס וועלכע באצאלן צייטליך זייערע ראטעס, צוצוגרייטן זיי אין פאל עס אנטוויקעלט זיך פראבלעמען; אויב עס וועט קומען שווערערע צייטן. א וועלס פארגא ווארטזאגער האט אויפגעקלערט, אז די באנק האט לעצטענס אנגעהויבן אנבאטן ״קאנסעלינג״ און פארשידענע אנדערע הילף פאר ״געקליבענע קאסטומערס״, און זייערע אקציעס זענען געווען ״אממערסטענס, פאזיטיוו״.

די שטודיע וואס איז איצט אנאליזירט געווארן קומט פון פראגעס וואס מ׳האט געשיקט ״אנליין״ צו 1,500 מענטשן, נאך אין אפריל. זינט דאן איז דער מצב אין לאנד פיל ערגער געווארן, און אויך האט עס נישט בארירט דעם טייל פון פאלק וואס לעבט נישט מיט קאמפיוטערס, אבער עס גיט פארט א שטיקל אינטערעסאנט בילד ווי אזוי דער מצב זעט איצט אויס.□